# פּרשת קורח 5757

## שלום בערגער (bergez01@popmail.med.nyu.edu)

קורח איז לויט מײַן מיינונג דער מורד פֿון תּנ״ך וואָס איז צום מערסטנס כּדאַי צו אַנאַליזירן. נדבֿ און אבֿיהו האָבן געזינדיקט מתּוך טאַמעוואַטן התפּעלות — וואָס דאַרף מען זוכן סיבּות? אויך אין דער צײַט זײַנען נאַרישע בחורים געווען אויף דער וועלט. די וואָס האָבן זיך טועה געווען מיטן עגל הזהבֿ האָבן זיך פּשוט אונטערגעגעבן אַ פֿאַרשטענדלעכן מורא, אַז משה וועט זיך נישט ווידער אַראָפּיאַווען פֿון באַרג סיני. די בײדע בײַשפּלין שטעלן מיט זיך פֿאָר בולטע פֿאַלן פֿון עבֿודה זרה. און די אַנדערע מרדים פֿון דער הײַנטיקער פּרשה, דתן און אבֿירם, זאָגן זיך אַרויס מיט סאַרקאַזם און גאווה — נישט קיין וואַזשנע אַרגומענטן אַקעגן דעם עניוות פֿון משה רבינו.

און מיט קורחן וואָס איז דער חילוק? דאָס פֿאַרשטייען מיר פֿון זײַן סאַמע אַרויספּטרעטן אויף דער תּנ״כישער בינע מיט שאַרפֿע און בונטאַרישע רייד: ״...כּי כל העדה כּלם קדושים ובֿתוכם השם ומדוע תּנשׂו על-קהל השם (ט׳-זיין, ג׳)״ [וואָרום די גאַנצע עדה זײַנען אַלע הייליק, און גאָט איז צווישן זיי, און פֿאַרוואָס נעמט איר זיך איבער אַקעגן דעם כּל פֿון גאָט?*] ער רעדט מיט אַ טאַלק; מע קען זײַן אַרגומענט נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. ״כּלם קדושים״ — מאַכט רש״י: ״אַלע האָבן געהערט ווערטער בסיני פֿון הקדוש ברוך-הוא.״ און ווײַטער טײַנעט קורח: ״נישט נאָר איר [ד״ה משה און אהרן] האָבן בסיני געהערט אני ה׳ אלקיך. די גאַנצע עדה האָבן געהערט.״ אין פֿלוג וואָלט מען געזאָגט אַז דאָס איז דער ריינער אמת. וואָס טויג אַ באַזונדערע כּהונה דעם עם כּהנים?

נישט נאָר דאָס איז קורח אויסן. לויט אַנדערע מקרים (וואָס ווערן געבראַכט דורך רש״י) פּרוּווט ער פֿאַרשטאַרקן זײַן תּירוץ. אויב דאָס גאַנצע פֿאָלק איז אַ הייליקע, וואָס טויגן די מצוות, וואָס דערמאָנען דאָס פֿאָלק אַליין אין זײַן הייליקייט? דאַרף דען אַ כּהן כּסדר דערמאָנט ווערן, אַז ער איז אַ כּהן? קורח און זײַנע מיטגייער האָבן זיך אײַנגעזאַמלט אַקעגן משה און אהרן, אײַנגעהילט אין תּליתים כּולו תּכילת — תּליתים, וואָס זייער פֿאַרב איז אין גאַנצן תּכילת — נאָר אָן קיין ציצית. ״זיי זײַנען געקומען און געשטאַנען פֿאַר סוישען, און אים געזאָגט: אַ תּלית וואָס איז כּולו תּכילת דאַרף האָבן ציצית, אָדער איז פּטור? ער האָט געזאָגט: ער דאַרף האָבן ציצית. זיי האָבן גענומען לאַכן אויף אים: נישט שוין זשע איז אַ תּלית פֿון אַן אַנדערן מין, וואָס איין פֿאָדעם דערפֿון איז תּכילת, פּטור, בשעת אַ תּלית וואָס איז כּולו תּכילת מאַכט זיך אַליין נישט פּטור?״

דאָס וואָס חז״ל ברענגען די דאָזיקע מעשׂה לאָזט אונדז הערן, אַז זיי גייען נישט אויף פּשרות אין זייער שטעלונג לגבי קורח. ער מאַכט סוישען אַזאַ שאלה כּדי אים אַרײַנצושטעקן אין גאַרטל פֿאַרן פֿאָלק ישׂראל — און דערפֿאַר, וואָס משה איז דער גרעסטער אנו וואָס איז דעמאָלט געווען (און וואָס וועט אַמאָל זײַן), האָט ער, קוואַט-פּע, נישט געהאַט וואָס צו ענטפֿערן אויפֿן אייגענעם באַראָט. לויט דער טראַדיציאָנעלער מיינונג האָט קורח אים בכיוון אומערלעך באַהאַנדלט — געפּרוּווט באַגראָבן, און דערפֿאַר איז ער לסוף באַגראָבט געוואָרן בפּועל-ממש.

לאָמיר פֿונדעסטוועגן פּרוּוון אים דן זײַן לכּף-זכות. ס׳איז דאָך אַ שיינער געדאַנק, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק ישׂראל זאָל זײַן הייליק. פֿאַרשיידענע ווערסיעס דערפֿון נעמען אַפֿילו בכּבֿודיקע ערטער צווישן אונדז ייִדן: למשל, ״כּל ישׂראל יש להם חלק לעולם הבא, שנאמר: העם כּלם צדיקים...״ דאָס הייסט: טעאָרעטיש איז דאָס נישט קיין געפֿערלעכע זאַך, וואָס קורח האָט פֿירגעבראַכט. די מנאיה שטעקט נאָר אין דעם, וואָס דער פֿאָלק וואָס איז דעמאָלט געווען אין מדבר איז נישט דורכויס געווען קיין הייליקער — געמורמלט, געבורטשעט, געווען האַרטנעקיק. אַפֿילו משה רבינו האָט נישט איינמאָל אויסגעדרוקט זײַן זאָרג, וואָס דאָס פֿאָלק איז נישט ווערט זײַנע צרות.

ס׳וואָלט דעריבער כּדאַי געווען צו באַטראַכטן קורחס באַציונגען צום פֿאָלק, זען וואָס פֿאַראַ צוגאַנג ער האָט געהאַט — אפֿשר האָט ער זיי נישט בכיוון געוואָלט אָפּפֿירן פֿון דרך-הישר, אפֿשר האָט ער זיי נאָר נאַיִוו אָנגעמאָסטן, געמיינט אַז כּלל ישׂראל קען זיך אַליין אָנפֿירן, צוליב זײַן הייליקייט, אָן קיין באַזונדערער כּהונה פֿון אהרן צי מאַלכעס פֿון משה.

אין דעם פֿאַל אָבער דערזעט מען דעם אמתן פּנים פֿון קורח. משה און קורח האָבן זיך פֿאַרמעסט בײַם אויהעל-מועד: ״ויקהל עליהם קורח אס-כּל-העדה אל-פּתח אוהל מועד...(ט׳-זיין, יאָד-ט)״ [און קורח האָט אײַנגעזאַמלט אַקעגן זיי די גאַנצע עדה צום אײַנגאַנג פֿון אוהל-מועד...*] ״ויקהל עליהם קורח״ — מאַכט רש״י: ״מיט לצנות. די גאַנצע נאַכט איז ער געגאַנגען איבער די שבֿטים און זיי אײַנגערעדט לויט זייערע האָפֿענונגען: איר מיינט אַז איך בין מאַקפּעד [= באַקלאָג זיך] נאָר פֿאַר זיך אַליין. איך בין מאַקפּעד נאָר פֿאַר אײַך אַלעמען! זיי קומען און נעמען די גדולעס — ער האָט מאַלכעס און זײַנע זין די כּהונה...[ער האָט אַזוי גערעדט] ביז ער האָט אַלעמען אײַנגערעדט.״

אָט זעט מען וואָס פֿאַראַ מיינונג האָט קורח לגבי דעם פֿאָלק — האָבן האָט ער זיי אין דער ערד. נישט ווי קיין הייליקע פֿאָלק באַהאַנדלט ער זיי, נאָר ווי קינדער פֿון אַ זומערקעמפּ, וואָס מע דאַרף חנפֿענען מיט כלערליי צוקערקעס און זיסע מתּנותלעך, מיט צוזאָגן פֿון פֿאָליטישער מאַכט און גדולה. אָט זעט מען דעם אמתן חילוק צווישן קורח און משה רבינו: קורח, ווי אַ קלאַסישער (אפֿשר דער ערשטער?) דעמאַגאָג, לויבט דאָס פֿאָלק פֿאַר אַנדערע אין הימל אַרײַן, נאָר באַציִען באַציט ער זיך צו זיי מיט ביטול — ער באַניצט זיך מיט זיי, קאַלטבלוטיק. ווען עמעצער וואָלט זיך פֿאַר אים אונטערגענומען צו זאָגן, אַז דאָס פֿאָלק איז נישט אַלעמאָל קיין דורכויס הייליקס, וואָלט ער זיך אָנגעבלאָזן, כּאילו ער איז אַליין דער שטאָלצער פֿאַרטיידיקער פֿון פֿאָלק. ער ווייסט בעסער.

להבֿדיל איז משה, דער גרויסער אָנאָוו און שטרענגער אָנפֿירער, געווען אַן אספּקלריא מאירה, ד״ה אַ שפּיגל פֿון זעונגען, וואָס האָט מיט זײַנע ווערטער אָפּגעשפּיגלט דעם אמתן מעמוד פֿון פֿאָלק ישׂראל: יאָ, טעאָרעטיש און אידעאַל זײַנען מיר אַלעמאָל הייליק, נאָר אין מדבר זײַנען מיר נישט אַלעמאָל דערגאַנגען צום דאָזיקן ניוואָ. ער האָט אונדז נישט געחנפֿעט, בלויז געזאָגט דעם פּראָסטן אמת.

אפֿשר דערפֿאַר איז קורח געווען אַ רײַכער — אָפּטמאָל קומט אויס, אַז די רײַכע לויבן ״דאָס פֿאָלק״ מיט אָנצאָליקע שבֿחים, מחמת זיי קענען זיי נישט פֿון אדם. אויב מע דאַרף אַ מוסר-השׂכּל פֿון דער פּרשה: היט זיך פֿאַר אַזעלכע וואָס טרעטן אַרויס מיט טעאָריעס און מיינונגען וואָס זײַנען כּלומרשט חל אויפֿן גאַנצן כּלל ישׂראל. בעסער פֿאַרנעמט זיך מיט רב ישׂראל, וואָס בײַ אים זײַנען דאָ צרות גענוג.